# Song of the Balta Pogrom (1882)

Misfortune, terror and fury
We've never been without—
Now as in each century—
And whither they come we know not.
Shout Jews, shout loud as you can,
So loud your shout reaches on high
And wakes up the Old Man.
His sleep is just a lie.
What's He trying to put over?
What are we, flies in the wind?
Is there nothing in our favor?
Enough! It's got to end.

All of us beaten hair and hide,
Our belongings tossed hither and thither,
Grooms taken from their brides,
Children from their mothers.
Shout, children, shout loud as you can,
So loud your shout reaches on high
And wakes up the Old Man.
His sleep is just a lie.
Listen, and You'll hear the babies
In their cradles cry again.
They plead with You that You might say:
Enough! It's got to end.

Everything in blithers and smithers,
Brides, canopies and clothes.
Not a single feather
Left in the bedding or pillows.
Fly you feathers, fly as you can,
'Til you reach the One on High.
Wake up the Old Man.
His sleep is just a lie.
All we own is smashed to bits,
The last cup crushed and bent.
It's time You Yourself took pity.
Enough! It's got to end.

Record it for all time to come,
The murder and the dread.
Torah scrolls were cut open,
Sacred parchments torn to shreds.
Fly you parchments, fly aloft,
'Til you reach the One on High.
You can wake old Moses up.
His sleep is just a lie.
We were unable to protect them,°
Who could have known what would descend?
Let Moses plead our case before Him.
Enough! It's got to end.

° I.e., the Torah scrolls.

ליד נומ׳ 3

I. אומגליק, שרעק און מוראס,
מיר ווייסן ניט פֿון וואַנען,
אויך הײַנט ווי אין אַלע דורות,
זײַנען מיר אויסגעשטאַנען.

שרײַט ייִדן שרײַט אַרויף,
שרײַט העכער אַהין דאָרט;
וועקט איר דעם אַלטן אויף —
וואָס שלאָפֿט ער כּלומרשט דאָרט?
וועמען וויל ער גאָר געווינען?
וואָס זײַנען מיר — אַ פֿליג?
לאָז ער אונדז אַ זכות געפֿינען.
אוי, עס זאָל שוין זײַן גענוג!

II. צעשלאָגן, צעהרגעט אַלעס,
צעוואָרפֿן יעדעס באַזונדער,
פֿון חתנים־כּלות,
פֿון מוטערס — קליינע קינדער.
שרײַט, קינדער שרײַט אַרויף,
שרײַט העכער אַהין דאָרט;
וועקט איר דעם טאַטן אויף —
וואָס שלאָפֿט ער כּלומרשט דאָרט?
פֿאַר דיר הערסטו וויינען, קלאָגן
קינדער פֿון דער וויג.
זיי בעטן דיך, דו זאָלסט זיי זאָגן:
אוי, עס זאָל שוין זײַן גענוג!

III. אַלעס איז צעריסן;
כּלות, חופּות, קליידער,
פֿון בעטגעוואַנט און קישן
ניט געלאָזט קיין פֿעדער.
פֿליט, פֿעדער פֿליט אַרויף;
פֿליט העכער אַהין דאָרט;
וועקט איר דעם אַלטן אויף —
וואָס שלאָפֿט ער כּלומרשט דאָרט?
צעבראָכן איז אַלעס אויף סכּנות
ביזן לעצטן קרוג.
נו, האָב שוין דו אַליין רחמנות,
אוי, עס זאָל שוין זײַן גענוג!

IV. פֿאַרשרײַבט אויף לאַנגע דורות
די רציחות און די אימות:
צעריסן ספֿר־תּורות,
געשמוצט די ריינע שמות.
פֿליט, שמות, פֿליט אַרויף,
פֿליט העכער אַהין דאָרט;
וועקט איר משה רבנו אויף —
וואָס שלאָפֿט ער כּלומרשט דאָרט?
מיר האָבן זיי ניט געקענט פֿאַרהיטן,
ווער ס'צו זײַן אַזוי קלוג?




from: Beatrice Silverman Weinreich "Three Pogrom Songs from Russia," in
(1949) 33 ייִוואָ-בלעטער
.243-241

D

### The Kishinev Pogrom

On the first day of Pesaḥ
Jews revelled and were joyous.
On the last day of Easter
Kishinev was in chaos.

Kishinev encircled like a barrel
girded by an iron hoop.
Fathers, mothers, and children
fell in a single group.

Oh, You God in heaven—
won't You look this way?
Listen to our shouting,
for the goys have had their holiday.

דעם ערשטן טאג פּסח
האבן ייִדעלעך גאנץ פֿריילעך פֿארבראַכט,
און דעם לעצטן טאג חגא
האט מען קעשענעוו חרובֿ געמאַכט.

קעשענעוו ארומגערינגלט
אזוי ווי א באנדער די פֿאַס,
טאטעס און מאמעס און קינדער
זיינען געפֿאלן אין גאַס.

אוי, דו גאט אין הימל,
קוק שוין אראָפּ צו אונדז,
באטראכט נאר דעם רעש מיט דעם טומל,
ווי די גויים זענען זיך נוקם אין אונדז.




from: Mir trogn a gezang: The New Book of Yiddish Songs 2nd rev. ed. (NY, 1977)

הער עס האט אין בלאט געלעזן:
הערן דער באַריסטער שטאט אדעס.
אך װאס פארא'ן צומגליק ס'האט געטראפן,
אין איינע צוויי־דריי מעת לעת.

פלוצלינג האט מען אויסגעשריען,
אי שלאג דעם ידן הי מיט איר קאנט!
אזוי שטיינער אין די פענצטער האבן גענומען פליען,
א פאגראם האט זיך אויסגעריסן אין איין מאמענט.

מערדער זיינען אין די גאסן געפלויגן,
מיט די העק, מיט די מעסערס אין די הענט געגריט.
אי װאו נאר א ידן געטראפן,
אזוי, גלייך אים אויף אן ארט געטויט.

דארטן ליגט א כלה א שיינע,
זי ליגט אנגעטאן אין חופה־קלייד.
אוי לעבן איר שטייט א מערדער איינער,
און האלט דעם שווערד חלף אנגעגרייט.

דארטן ליגט א פרוי א שיינע,
זי ליגט פארווארפן אין די שטויב.
לעבן איר ליגט א קינד א קליינע,
און זויגט איר קאלטע, טויטע ברוסט.

Ruth Rubin. Jewish Life: The Old Country. Folkways Record No. FS 3801, Side II, Band 8

### Oh, Have You Read in the Papers

Oh, have you read in the papers
about the famous city of Odessa?
What a calamity befell it
in the course of two or three days.

Suddenly someone cried:
Hey, beat the Jews with all your might!
Through the windows bullets began to fly.
In a moment the pogrom was at its height.

Murderers flew through the streets
with axes and knives sharp and hot,
and whenever they found a Jew
they killed him on the spot.

There in her wedding gown
lies a beautiful bride.
Oh, near her stands a murderer,
his dagger poised to strike.

There lies a handsome woman,
she lies crumpled in the dust.
Near her lies a little babe
sucking her cold, dead breast.

# 43 Have Pity!

SIMON FRUG

## האָט רחמנות!

— 1 —

שטראָמען בלוט און טײַכן טרערן
זידן, פֿליסן טיף און ברייט...
אונדזער אַלטער, גרויסער אומגליק
האָט זיך האַנט אויף אונדז פֿאַרשפּרייט.

הערט איר דאָרט, ווי מוטערס קלאָגן
און פֿון קינדער דאָס געשריי?
טויטע ליגן אויף די גאַסן,
קראַנקע פֿאַלן נעבן זיי...

ברידער, שוועסטער, האָט רחמנות!
גרויס און שרעקלעך איז די נויט —
גיט די טויטע אויף תּכריכים,
גיט די לעבעדיקע ברויט!

— 2 —

פֿון דער ווײַטן שווער צו פֿילן;
ווײַטע טרערן — פֿרעמד געוויין,
ווײַטער אומגליק — פֿרעמדער אומגליק,
פֿרעמדע בלוט... ניין, ברידער, ניין!

הערצער טויזנט — און איין ווייטיק,
טויזנט הײַזער — און איין טיר;
אַלע, אַלע — איין פֿאַרקלאָגטער,
קראַנקער יתום זײַנען מיר...

ברידער, שוועסטער, האָט רחמנות!
גרויס און שרעקלעך איז די נויט —
גיט די טויטע אויף תּכריכים,
גיט די לעבעדיקע ברויט!

— 3 —

שטראָמען בלוט און טײַכן טרערן
זידן, פֿליסן אָן אַ שיעור...
אימת־מוות קוקט אין פֿענצטער
און דער הונגער קלאַפּט אין טיר...

שלאַף איז אונדזער האַנט צו שטרײַטן,
שטאַרק און שווער איז אונדזער שמאַרץ...
קום־זשע, דו, מיט טרייסט און ליבע,
גוטע, הייסע ייִדיש' האַרץ!

ברידער, שוועסטער, האָט רחמנות!
גרויס און שרעקלעך איז די נויט —
גיט די טויטע אויף תּכריכים,
גיט די לעבעדיקע ברויט!...

1

Streams of blood and rivers of tears
Deep and wide they flow and roar. . . .
Our misfortune, great and timeless
Has laid its hand on us once more.

Do you hear the mothers moan
And their little children cry?
In the streets the dead are lying;
The sick are fallen down nearby.

Brothers, sisters, please have mercy!
Great and awful is the need.
Bread is needed for the living,
Shrouds are needed for the dead.

2

From afar it's hard to feel it:
Distant tears—a stranger's moan,
The tragedy is someone else's,
The blood of strangers—oh, brothers, no!

A thousand hearts—a single sorrow,
A thousand streets—a single house;
We are all a single victim,
Orphaned is each one of us.

Brothers, sisters. . . .

3

Streams of blood and rivers of tears
Deep and wide they flow and roar. . . .
Deathly fear stares through the window
And hunger drum-beats at the door.

How weak our hand is to do battle,
How great and heavy is our woe—
Come and bring us love and comfort
Jewish hearts, we need you so!

Brothers, sisters. . . .

[First published on the front page of the St. Petersburg *Fraynd*, no. 82, April 1903]

# 67 Fire!

MORDECAI GEBIRTIG

## ס׳ברענט!

ס׳ברענט! ברידערלעך, ס׳ברענט!
אוי, אונדזער אָרעם שטעטל נעבעך ברענט!
בייזע ווינטן מיט ירגזון
רײַסן, ברעכן און צעבלאָזן
שטאַרקער נאָך די ווילדע פֿלאַמען,
אַלץ אַרום שוין ברענט.

צוזינג:
און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך
מיט פֿאַרלייגטע הענט,
און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך —
אונדזער שטעטל ברענט!

ס׳ברענט! ברידערלעך, ס׳ברענט!
אוי, אונדזער אָרעם שטעטל נעבעך ברענט!
ס׳האָבן שוין די פֿײַערצונגען
דאָס גאַנצע שטעטל אײַנגעשלונגען —
און די בייזע ווינטן הוזשען,
אונדזער שטעטל ברענט!

און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך...

ס׳ברענט! ברידערלעך, ס׳ברענט!
אוי, עס קען חלילה קומען דער מאָמענט;
אונדזער שטאָט מיט אונדז צוזאַמען
זאָל אויף אַש אַוועק אין פֿלאַמען,
בלײַבן זאָל — ווי נאָך אַ שלאַכט,
נאָר פּוסטע, שוואַרצע ווענט!

און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך...

ס׳ברענט! ברידערלעך, ס׳ברענט!
די הילף איז נאָר אין אײַך אַליין געווענדט.
אויב דאָס שטעטל איז אײַך טײַער,
נעמט די כּלים, לעשט דאָס פֿײַער,
לעשט מיט אײַער אייגן בלוט,
באַווײַזט, אַז איר דאָס קענט.

שטייט ניט, ברידער, אַט אַזוי זיך
מיט פֿאַרלייגטע הענט.
שטייט ניט, ברידער, לעשט דאָס פֿײַער —
אונדזער שטעטל ברענט!

Fire, brothers, fire!
Our poor town's on fire!
Raging, winds so full of anger

Shatter, scatter, tear asunder
Fanning the flames ever wilder
Everything's on fire!

While you stand there, looking on
With folded hand.
While you stand there, looking on
At the fire brand.

Fire, brothers, fire!
Our poor town's on fire!
The whole town's already devoured
By flaming tongues of force and power
And the wild wind howls and churns
As our shtetl burns.

While you stand there, looking on . . .

Fire, brothers, fire!
The dreaded moment may soon come
When the town with us included
Will be turned to flames and ashes
As after battle a city falls,
With empty, blackened walls.

While you stand there, looking on . . .

Fire, brothers, fire!
It all turns to you.
If you love your town,
Take pails, put out the fire,
Quench it with your own blood too.
Show what you can do!

Don't look and stand
With folded hand.
Brothers, don't stand round, put out the fire!
Our shtetl burns!

1936

טעקסט און מוזיק: מרדכי געבירטיג



# SONGS OF THE NAZI GHETTOS

## I. Contrefacts

### DREMLEN FEYGL AF DI TSVAYGN




Dremlen feygl af di tsvaygn,
Shlof, mayn tayer kind.
Bay dayn vigl, af dayn nare
Zitst a fremde un zingt:
Lyu-lyu, lyu-lyu, lyu.

Siz dayn vigl vu geshtanen
Oysgeflokhtn fun glik,
Un dayn mame, oy dayn mame,
Kumt shoyn keyn mol nit tsurik.
Lyu-lyu, lyu-lyu, lyu.

Kh'hob gezen dayn tatn loyfn
Unter hogl fun shteyn,
Iber felder iz gefloygn
Zayn faryosemter geveyn.
Lyu-lyu, lyu-lyu, lyu.

Birds are drowsing on the branches.
Sleep, my darling child.
At your cradle, in the field,
A stranger sits and sings.

Once you had another cradle
Woven out of joy,
And your mother, oh your mother
Will never more come by.

I saw your father fleeing
Under the rain of countless stones,
Over fields and over valleys
Flew his orphaned cry.

Leah Rudnitski
(Vilna Ghetto)

### 22. ביים געטאָ־טויערל

בײַם געטאָ־טויערל ברענט אַ פֿײַערל
און די שרעק איז גרויס,
עס גייען ייִדעלעך פֿון די בריגאַדעלעך,
פֿון יעדן גיסט זיך שווייס.

צי זאָל איך בלײַבן שטיין,
צי זאָל איך װײַטער גיין,
איך ווייס נישט, ווען און ווו.
דער קאָמענדאַנטעלע אין גרינעם מאַנטעלע
ער נעמט דאָך אַלעס צו...

געלט אַ בינטעלע,
האָלץ אַ שײַטעלע,
ער נעמט דאָך אַלעס צו,
מילך אַ קענדעלע,
שפּעק אַ פֿענדעלע,
ער לאָזט דאָך נישט צו רו.

חבֿר מיטן שטרײַף,
איך בין אינגאַנצן טרייף
דורכגיין דעם קאָנטראָל.
פֿאַר דעם ביסל שרעק
קריגסטו אַ קילאָ שפּעק
און מאָרגן נאָך אַ מאָל.

שטעלט זיך אויס צו פֿיר
און דו לעבן מיר,
שטופּ זיך נישט פֿון זײַט,
דו גיי צום רעכטן גוי,
„שיטאַס יאָו טוואַרקאָי" —
געמאַכט אַ לעבל ברויט.

אבֿרהם אַקסעלראָד
אומגעקומען אין קאָוונער געטאָ

## 79 Avrom Akselrod

*Sung to the tune of Afn pripetshik brent a fayerl.*

### At the Ghetto Gate°

At the ghetto gate
A fire flames.
Search is the worst yet.
Jews parade back
From the work brigades
Dripping buckets of sweat.

Should I go on ahead
Or stand still instead?
I'm not sure what to do.
The little commander
Decked out in green
Takes everything from you.

A stick of firewood,
Money in a wad,
God, he takes it all!
Milk from the can,
Lard from the pan,
Jews, it's awful.

Friend at the gate, listen,
I'm not all that clean.
Help me make it through,
Get me past the guard,
You'll get a kilo of lard
And more tomorrow too.

"Line up in fours!
You—stand over here
by me. Don't run away!"
Find the right goy—
"This one's OK"—
A loaf of bread for you today.

(Kovno Ghetto)

## YA'ALES [YA'ALEH VEYAVO]

Avrom Akselrod, 1942

Zog mir, zog mir du geto-yidl,
Ver shpilt in geto dos ershte fidl?
Ver fun di ya'ales mer oder veynik
Vil do regirn punkt vi a kenig?

Tumbala, tumbala, shpil geto-yidl,
Shpil mir fun yidishe ya'ales a lidl--
Fun ale shefn un inspektorn
Vos zenen in geto mentshn gevorn...

Ver fun di ya'ales ken a karte gebn
Un a shayn tsu blaybn lebn?
Un vifl darf men derfar batsoln,
Kedey a brigade a gute tsu hobn?

Tumbala, tumbala, shpil geto-yidl...

Far vos esn ya'ales vayse gebeks,
Vareme beygelekh, bulkes un keks?
Un farbrengen gemitlekh bay muzik un bay kortn
Un fayern "yontoyvim" bay emese tortn?

Tumbala, tumbala, shpil geto-yidl...

Tsi hobn ven ya'ales gearbet afn aerodrom
Mit a hak, mit a lopete oder mit a lom?
Efsher voltn zey farshtanen undzere ya'ales
Far vos di oreme mase shtelt azelkhe shayles?

Tunmbala, tumbala, shpil geto-yidl...

Ver darf di kontsertn, ven der troyer iz groys
Un s'pishtshet der hunger in dem oremen hoyz?
Farzorgt zey beser mit "yushnik" a teler
Un hert oyf tsu praven do ya'alishe beler...

### Ya'ales°

Tell me, oh tell me, you ghetto Jew,
Who plays first fiddle here, just who?
And which of the big shots in the ghetto gang
Hands out orders just like a king?

Tumbala, tumbala, play on, ghetto Jew.
Play me a song of the Jewish Who's Who.
Of all the inspectors and bosses
The ghetto has raised up from the masses.

Which of the big shots has a card to give
And a permit to keep you alive?
And just how much must you pay
For the privilege of an easy work brigade?

Tumbala, tumbala . . .

Why does the top brass have white rolls to eat,
Warm bagels, fresh buns and rolls that are sweet?
How can they glory in music and poker stakes
And live it up with honest-to-goodness cakes?

Tumbala, tumbala . . .

Have the big shots ever slaved at the airport
With an axe, a shovel or a crowbar?
Maybe then they might give an ear to our moans
How us poor folk have all these questions.

Tumbala, tumbala . . .

Who needs concerts when so great are our sorrows
And hunger whines in the poor man's house?
Far better we all have soup in our bowls
And you stop with your ritzy carnivals.

Kovno ghetto, circa 1942

דער מחבר אונבאקאַנט

### 15. האָט זיך מיר די שיך צעריסן

האָט זיך מיר די שיך צעריסן,
ווײ צו מײַנע יאָרן!
די קראַגנס האָט מען אונדז אָפּגעריסן,
ווער איך דאָך פֿאַרפֿראָרן.
טאַנץ, טאַנץ, טאַנץ
אַביסעלע מיט מיר!
אוי, איר גרויסע פֿרעסטעלעך,
איר קומט דאָך פֿון סיביר.

געלע שײַנען, ראָזע שײַנען,
אלערלײ קאָלירן:
ווען וועל איך מײַן ווײַבל זלאטע
צו זיך אהיים שוין פירן?
טאַנץ, טאַנץ, טאַנץ
אַ ביסעלע מיט מיר!
האָסטו אַ געלן שײַן,
האָב איך חתונה מיט דיר.

ברויט אַפּן סענטימעטער,
האָלץ אַפּן דעקאָ,
האָט אונדז פארזאָרגט דער יִדנראט,
דער יִידנראט פון געטאָ,
טאנץ, טאנץ, טאנץ
אביסעלע מיט מיר!
האָסטו אַ געלן שײַן.
האָב איך חתונה מיט דיר.

Anonymous

WOE IS ME

My shoes they are shot,
And my collar, alas,
Has been ripped from my coat.
I'm freezing my ass.
Dance, dance, come dance a bit with me.
Oh you miserable cold winds,
You're from Siberia, I see.

Yellow passes, pink passes,
Every color under heaven.
When can I bring Zlate my wife
back home once more? How soon?
Dance, dance, come dance with me a bit.
You got a yellow pass,
I'll marry you in a minute.

Centimeters of bread,
Decimeters of wood,
Furnished by the Judenrat,
The Getto Judenrat.
Dance, dance, come dance with me a bit.
You got a yellow pass,
I'll marry you in a minute.

Vilna ghetto, circa 1942

## Yugnt-Himen        יוגנט־הימען

אונדזער ליד איז פול מיט טרויער
דרייסט איז אונדזער מונטער־גאַנג
כאָטש דער שׂונא וואַכט בײַם טויער, —
שטורעמט יוגנט מיט געזאַנג:

יונג איז יעדער, יעדער, יעדער ווער עס וויל נאָר,
יאָרן האָבן קיין באַטײַט.
אַלטע קענען, קענען, קענען אויך זײַן קינדער
פֿון אַ נײַער, פֿרײַער, צײַט.

ווער עס וואָגלט אום אויף וועגן,
ווער מיט דרייסטקייט ס'שטעלט זײַן פֿוס,
ברענגט די יוגנט זיי אַנטקעגן
פֿונעם געטאָ אַ גערוס.

יונג איז יעדער...

מיר געדענקען אַלע שׂונאים,
מיר דערמאָנען אַלע פֿרײַנד,
אייביק וועלן מיר פֿאַרבינדן
אונדזער נעכטן מיטן הײַנט.

יונג איז יעדער...

קלײַבן מיר צונויף די גלידער,
ווידער שטאָלן מיר די ריי.
גייט אַ בויער, גייט אַ שמידער, —
לאָמיר אַלע גיין מיט זיי...

יונג איז יעדער...

Our song is filled with grieving, -
Bold our step, we march along,
Though the foe the gateway's watching, -
Youth comes storming with their song:

Young are they, are they, are they
whose age won't bind them,
Years don't really mean a thing,
Elders also, also, also, can be children
In a newer, freer spring.

Those who roam upon the highways,
Those whose step with hope is strong,
From the ghetto youth salutes them
And their greetings send along.

Young are they. . .

We remember all our tyrants,
We remember all our friends,
And we pledge that in the future
Our past and present blend.

Young are they. . .

So we're girding our muscles,
In our ranks we're planting steel,
Where a blacksmith, builder marches, -
We will join them with our zeal!

Young are they. . .

This song written by S. Kaczerginski (see note about author in *Friling*). was dedicated to the children's and youth club in the Vilno ghetto. Composer is Bayse Rubin who is believed to have survived the war.

# 86 Hirsh Glik

שטיל די נאַכט איז אויסגעשטערנט
און דער פֿראָסט — ער האָט געברענט;
צי געדענקסטו ווי איך האָב דיך געלערנט
האַלטן אַ שפּײַער אין די הענט.

אַ מויד, אַ פּעלצל און אַ בערעט,
און האַלט אין האַנט פֿעסט אַ נאַגאַן,
אַ מויד מיט אַ סאַמעטענעם פּנים
היט אָפּ דעם שׂונאס קאַראַוואַן.

געצילט, געשאָסן און געטראָפֿן
האָט איר קלייניקער פּיסטויל,
אַן אויטאָ אַ פֿולינקן מיט וואָפֿן
פֿאַרהאַלטן האָט זי מיט איין קויל.

פֿאַר טאָג פֿון וואַלד אַרויסגעקראָכן,
מיט שניי־גירלאַנדן אויף די האָר,
געמוטיקט פֿון קליינינקן נצחון
פֿאַר אונדזער נײַעם, פֿרײַען דור.

### Silence, and a Starry Night

Silence, and a starry night
Frost crackling, fine as sand.
Remember how I taught you
To hold a gun in your hand?

In fur jacket and beret,
Clutching a hand grenade,
A girl whose skin is velvet
Ambushes a cavalcade.

Aim, fire, shoot—and hit!
She, with her pistol small,
Halts an autoful,
Arms and all!

Morning, emerging from the wood,
In her hair a snow carnation.
Proud of her small victory
For the new, free generation!

This song was written by Hirsh Glik (1922-1944) in 1942 after partisans blew up a German convoy of trucks. A member of the literary group of young poets, Yungvald, before the war, Glik was imprisoned in a concentration camp in Estonia and was killed by the Germans in 1944. Composer unknown.

הירש גליק

## Zog Nit Keyn Mol

## זאָג ניט קיין מאָל !

Zog nit keyn mol az du geyst dem letstn veg,
Khotsh himlen blayene farshteln bloye teg.
Kumen vet nokh undzer oysgebenkte sho–
Es vet a poyk ton undzer trot–mir zaynen do!

Fun grinem palmenland biz vaysn land fun shney,
Mir kumen on mit undzer payn, mit undzer vey,
Un vu gefaln s'iz a shprits fun undzer blut,
Shprotsn vet dort undzer gvure, undzer mut.

Es vet di morgnzun bagildn undz dem haynt,
Un der nekhtn vet farshvindn mitn faynd,
Nor oyb farzamen vet di zun in dem kayor–
Vi a parol zol geyn dos lid fun dor tsu dor.

Dos lid geshribn iz mit blut un nit mit blay,
S'iz nit keyn lidl fun a foygl af der fray,
Dos hot a folk tsvishn falndike vent
Dos lid gezungen mit naganes in di hent!

To zog nit keyn mol az du geyst dem letstn veg,
Khotsh himlen blayene farshteln bloye teg,
Kumen vet nokh undzer oysgebenkte sho–
Es vet a poyk ton undzer trot–mir zaynen do!

זאָג ניט קיין מאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
כאָטש הימלען בלײַענע פאַרשטעלן בלויע טעג.
קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה,
עס וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט — מיר זײַנען דאָ !

פון גרינעם פּאַלמענלאַנד ביז ווײַסן לאַנד פון שניי,
מיר קומען אָן מיט אונדזער פּײַן, מיט אונדזער וויי,
און ווו געפאַלן ס'איז אַ שפּריץ פון אונדזער בלוט,
שפּראָצן וועט דאָרט אונדזער גבורה, אונדזער מוט.

עס וועט די מאָרגנזון באַגילדן אונדז דעם הײַנט,
און דער נעכטן וועט פאַרשווינדן מיטן פײַנד.
נאָר אויב פאַרזאַמען וועט די זון אין דעם קאַיאָר —
ווי אַ פּאַראָל זאָל גיין דאָס ליד פון דור צו דור.

דאָס ליד געשריבן איז מיט בלוט און ניט מיט בלײַ,
ס'איז ניט קיין לידל פון אַ פויגל אויף דער פרײַ,
דאָס האָט אַ פאָלק צווישן פאַלנדיקע ווענט
דאָס ליד געזונגען מיט נאַגאַנעס אין די הענט.

טאָ זאָג ניט קיין מאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
כאָטש הימלען בלײַענע פאַרשטעלן בלויע טעג.
קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה —
עס וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט — מיר זײַנען דאָ !

## Never Say

Never say this is the final road for you,
Though leadened skies may cover over days of blue.
As the hour that we longed for is so near,
Our step beats out the message – we are here!

From lands so green with palms to lands all white
with snow,
We shall be coming with our anguish and our woe,
And where a spurt of our blood fell on the earth,
There our courage and our spirit have rebirth.

The early morning sun will brighten our day,
And yesterday with our foe will fade away.
But if the sun delays and in the east remains –
This song as password generations must maintain.

This song was written with our blood and not with
lead,
It's not a little tune that birds sing overhead,
This song a people sang amid collapsing walls,
With grenades in hands they heeded to the call.

Therefore never say the road now ends for you,
Though leadened skies may cover over days of blue.
As the hour that we longed for is so near –
Our step beats out the message – we are here!

Written in the Vilno ghetto, the song became the anthem of the underground resistance movement. Later it spread to other ghettos and partisan divisions. Today it is sung at all commemorative gatherings. It was written by Hirsh Glik (see note about author in *Shtil Di Nakht*). He set the words to a melody by the Russian composer Dmitri Pokrass.